# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
“Yidish Geyt In Koledzh” (“Yiddish Goes To College”)

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/66j0844f

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 94(1)

**Author**
Tsukerman (Zuckerman), Marvin (Marvin)

**Publication Date**
1979-09-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

פראָפ׳ מאַרווין צוקערמאַן

# יידיש גייט אין קאַלעדזש

אַז יידיש לערנט מען אין די אוניווערסיטעטן און קאָלעדזשעס איבער גאַנץ אַמעריקע איז דאָך נישט קיין נייעס. אָבער וואָס אייגנטלעך איז דער פּאַרנעם, די ציפערן, די פאַקטן פון דעם פענאָמען?

לויט ד״ר יוסף לאַנדיס, דער אָנפירער פון דער יידישער לערן־פּראָגראַם אין „קווינס קאָלעדזש", לערנט מען יידיש אין אַן ערך 40 אוניווערסיטעטן, צווישן זיי: קאָלאָמביאַ, בראַון, בראַנדעס, האָנטער, באַרוך, מישיגען, מיאַמי, טעקסעס, ברוקלין און קווינס.

די רייכסטע און גרעסטע פּראָגראַם פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור געפינט זיך אין „קווינס קאָלעדזש", ניו־יאָרק, ווו עס פאַרשפּרייטן זיך יעדן זמן אַן ערך 450 סטודענטן אין וואָסערע 20 קורסן. זיי האָבן אויך אַ כאָר און אַ דראַמע־גרופּע אונטער דער רעזשי פון מרים קרעסין. קווינס קאָלעדזש גיט אויך אַרויס אַ פערטל־יאָר שריפט „יידיש" אויף ענגליש, געווידמעט דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך. קומענדיקן האַרבסט פאַנגט זיך דאָרט אויך אָן אַ מאַגיסטער־פּראָגראַם אין יידיש וואָס וועט צילן אויף צוצוגרייטן יידיש־לערערס פאַר די שטאָטישע מיטל־שולן.

אין פאַרבינדונג מיט קאָלאָמביאַ פירט דער „ייוואָ" אויך אָן מיט גראַדואיר קורסן, ספּעציעל אויפן געביט פון יידישער לינגוויסטיק, און פירט אויך אָן אַ דערפאָלגרייכע זומער פּראָגראַם פאַר אָנהייבערס.

איך אַליין פיר שוין אָן פאַר די לעצטע פינף־זעקס יאָר אין מיין קאָלעדזש (ל. א. וועלי קאָלעדזש) מיט עטלעכע „דזשואיש סטאָדיס" קלאַסן, וואָס איך האָב אַליין איינגעפירט. ווען איך האָב צו ערשט — מיט אַ פופצן יאָר צוריק — פאָרגעשלאָגן צו האָבן אַ קלאַס אין יידיש, האָט מען מיר געזאָגט, אַז עס איז צו „עטניש". איצט אָבער איז „עטניש" אין דער מאָדע און עס איז מיר גאַנץ גרינג אָנצופירן מיינע קורסן.

ביז איצט האָב איך איינגעאָרדנט פיר קלאַסן אין „דזשואיש סטאָדיס". (די קלאַסן לערן איך אַחוץ מיינע געוויינלעכע קורסן אין אַמעריקאַנער און ענגלישע ליטעראַטור און אין ענגלישע גראַמאַטיק און קאָמפּאָזיציע). די קרעדיטן פאַר די פיר קלאַסן ווערן אָנגענומען אין יו.סי.על.איי. און אין אַלע קאַליפאָרניער שטאָטישע אוניווערסיטעטן אַלס „טראַנספער קרעדיט". די פיר קורסן הייסן: קאָלעדזש יידיש 1; קאָלעדזש יידיש 2; יידישע ליטעראַטור איבערגעזעצט אויף ענגליש; און יידיש־אַמעריקאַנער ליטעראַטור.

מען פרעגט מיך אָפט: ווער לערנט ביי אייך יידיש? ווער זיינען די סטודענטן? די ענטפערס זיינען פאַרשידן. לעצטנס קומען צו מיר אַ סך ישראל־סטודענטן, וועלכע קענען העברעיש און ענגליש און

(המשך אויף זייט 65)

צעשטראַלט זיך ווילי שאָר,
און ער טוט אַ שפּרייט די הענט
צערוקן זיך די גוטע ווענט,
און סאַ רחבות, סאַראַ חידוש:
איצטער נעמען אַלע זייגערס קלינגען יידיש.

— — — — — — — — —

איינער שלאָגט די פערטל שעה
און דער צווייטער שלאָגט די האַלבע
און דער דריטער שלאָגט דריי־פערטל,
נאָר דער פערטער
דער פאַרקלערטער,
יענער
פון דער קיילעכדיקער שעה
שטומט...

ס׳וועט ניט קלינגען מער דער זייגער
פון דער קיילעכדיקער שעה,
און זיין שטומען
שלאָגט אין אויער:
טרויער, טרויער, טרויער —
ליזאַ איז
נישטאָ...